# הכשרות

בהשגחת בי"ד המיוחד לעניני כשרות שע"י התאחדות הרבנים דארה"ב וקנדא

CRC OF THE UNITED STATES AND CANADA

## אינפארמאציע, ידיעות און הוראות בכל עניני כשרות המאכלים

### דבר המערכת

ברוב שבח והודאה, זענען מיר בס"ד זוכה נאכאמאל ארויסצוקומען מיט דער גליון "הכשרות" לקראת ימי הקיץ הבאים לקראתינו לשלום, פאר אידן שוחרי תורה ומבקשי כשרות.

דער גליון, איז געווידמעט צו האלטן דעם ציבור אינפארמירט איבער אלע איינצלהייטן אנבאלאנגט כשרות אין אלע געביטן, און באזונדער איבער ענינים וועלכע ווערן נתעורר מזמן לזמן, און דער ציבור וויל וויסן את המעשה אשר יעשון ואת הדרך ילכו בה.

שטייענדיג אין די ימי הקיץ, ווען שווערע טויזנטער אידן לאזן זיך ארויס אויף די ניו יארק'ער בערג, און באזונדער פאר טויזנטער אידן בכל מקומות מושבותיהן צו פארשידענע ערטער איבער די וועלט פאר וואקאציע, וואס אין די טעג דארף מען א באזונדערע זהירות אין עניני כשרות, וואס די זאכן זענען פילפאכיג מער קאמפליצירט אין פרעמדע ערטער, און מ'דארף אויף אלעם אבאכט געבן בשבע זהירות, און זיך חלילה נישט מקיל זיין אין עניני כשרות המאכלים, וואס דאס איז חלילה גורם טמטום הלב והמוח, וואו עס ווערט געברענגט אין די ספה"ק.

צוליב דעם האבן מיר געווידמעט א ספעציעלע מאמר אינעם גליון, וואו עס ווערט אויסגעשמועסט עטליכע וויכטיגע פונקטן בדרך שאלה ותשובה, וואס איז בעיקר נוגע דורכאויס די זומער חדשים, און אויך במשך א גאנצע יאר, כדי דער עולם זאל זיין אינפארמירט מיט די וויכטיגע כשרות ידיעות..

אזוי אויך האבן מיר געווידמעט א באזונדערע אפהאנדלונג און אינפארמאטיווער שמועס, איבער די נייע מהודר'דיגע "לעגהארן" עופות, וואס שטייט אונטער די השגחה פון התאחדות הרבנים דארה"ב וקאנאדא, וואס איז גאר שטארק אריינגעקומען ביים ציבור מדקדקים בכשרות אין די לעצטערע חדשים, וואס דארט וועט איר זיך באקענען מיט די אינטערעסאנטע פאקטן ארום דעם אריגינעלן עוף, וואס טראגט מיט זיך פילע הידורים אין כשרות.

אונזער תפלה און בקשה צו השי"ת איז, אז מיר זאלן שטענדיג קענען זיין אפגעהיטן פון יעדן נדנוד של איסור, ושלא יצא מכשול מתחת ידינו, און זוכה זיין צו ביאת משיח צדקינו במהרה בימינו אמן




## כשרות אין די זומער טעג

די מהודר'דיגע

## לעגהארן עופות

פון די באריהמטע "תרנגול פארמס"



מיט גרויס פרייד און עקסטאז, איז אויפגענומען געווארן די בשורה מרנינה ביים ציבור המדקדקים בכשרות, אז נאך פילע חדשים פון משקיע זיין כוחות און גרויסע געלטער, איז געלונגען ארייצוברענגען דעם גאר מהודר'דיגן און אריגינעלן עוף "לעגהארן", וואס ווערט שוין בס"ד פארקויפט אין פילע פלייש יאטקעס איבער די פאראייניגטע שטאטן, אונטער די שטרענגע השגחה פון "התאחדות הרבנים דארה"ב וקאנאדא", וואס ווערט צוגעשטעלט דורכ'ן פירמע "תרנגול פארמס".

כדי דער ציבור זאל באקומען א קלארע בליק איבער די השתלשלות הענינים ביז מ'איז בס"ד צוגעקומען עד הנה בעזהשי"ת, און זיך צו באקענען מיט די פילע דעטאלן איבער די הידורים אין כשרות וואס די עופות שטעלן מיט זיך פאר, האבן מיר אפגעהאלטן אן אינפארמאטיווער שמועס מיט איינער פון די ראשי העסקנים אין דעם ענין, וועלכער איז גאר שטארק אריינגעטון אין די עבודת הקודש צו ברענגען דעם מסורה'דיגן עוף אויף א ברייטע פארנעם פאר'ן ציבור, פון ווען מ'האט אנגעהויבן מיט די זוכעניש נאך אזא מהודר'דיגן עוף, ביז מ'איז בס"ד אנגעקומען ביז אהער ווי מ'שטייט בסייעתא דשמיא.



# די מהודר'דיגע
# לעג
# עו

## די "לעגהארן" עוף

אנגעהויבן האט זיך דאס מיט א לאנגע תקופה צוריק ווען מיר האבן זיך ארויסגעלאזט אין א מיסיע, מיט'ן ציל צו טרעפן א פאסיגע ריינע עוף וואס איז גענצליך ווי די אריגינעלע עופות וואס מ'פלעגט אמאל נוצן, נאך איידער די עפאכע פון די פארגעשריטענע טעכנעלאגיע וואס מ'נוצט אין די לעצטערע יארן צו האדאווען די עופות, וואס זאל אהערשטעלן א גאר הויכן לעוול פון כשרות פאר די עופות.

דאס איז געקומען אויפן רוף פון גדולי ישראל מדור העבר והחיים אתנו לאיוש"ט, ובראשם הגאון מרן בעל שבט הלוי זצ"ל, און יבלחט"א כ"ק מרן גאב"ד ירושלים שליט"א, וועלכע האבן געארבעט מ'זאל אריינברענגן אינעם מארקעט א ריינער אריגינעלער עוף וואס איז נישט צוזאמגעשטעלט פון עטליכע עופות.

מ'האט תיכף געלייגט אן אויג אויף די לעגהארן עוף, וואס דאס איז אלץ באקאנט געווען אלס דער מסורה'דיגע און אריגינעלער עוף וואס איז געבליבן מיט'ן אריגינעלן צורה וואס מ'פלעגט נוצן אלע יארן במשך כל הדורות, און איבערדעם איז דער פאקט, אז במשך אלע יארן עד ימינו אלה, איז די לעגהארן די עוף פון וועמען מ'נעמט די אייער וואס מיר נוצן, וואס ווערט באנוצט דורך כלל ישראל אומעטום.

די סיבה פארוואס די עוף איז פארבליבן אריגינעל איז, וויבאלד עס לוינט נישט פאר די אייער ביזנעס אריינצומישן אנדערע סארט עופות, ווייל קיין איין עוף לייגט נישט אזויפיל אייער און זיכער נישט די שיינע ווייסע אייער, דעריבער איז די לעגהארן טשיקן געבליבן ריין און אומבאוריירט במשך אלע יארן, פון ווען אונזערע עלטערן און אור עלטערן האבן עס געגעסן ביזן היינטיגן טאג, און עס פארבליבן מיט אירע ריינע מסורה, וואס ווי

גע׳פסק׳נט אין שו״ע יורה דעה ובספרי הפוסקים, איז עס א שטארקע יסוד ווען עס קומט צו כשרות פון עופות.

דאס האט זיך אבער אנגעשטויסן אין שווערע פראבלעמען, וואס דאס האט באדרויעט צו אוועקדרייען די רעלסן אין די ערשטע תקופה, וויבאלד מ׳האט אלץ געמיינט אז די לעגהארן עופות זענען הארטע טשיקענס, און ס׳נעמט לענגער דאס צו קאכן, און באזונדער איז דאס נישט אזוי לייכט צו עסן און פארדייען. הגם ס׳זענען געווען יחידים מדקדקים בכשרות וועלכע האבן זיך שוין פאר אסאך יארן באנוצט מיט דעם עוף, אבער דאס איז געווען מיוחד בלויז פאר יחידי סגולה וועלכע זענען גרייט געווען זיך צו באנוצן מיט א עוף וואס איז נישט אזוי געשמאק, און זעלבסטפארשטענדליך האט דאס נישט געקענט דינען אלס נחלת הכלל.

## די פראבלעם ווערט געלעזט

למעשה האבן די מומחים אין דעם תחום זיך שוואר געקענט אפגעזעגענען פון דעם לעגהארן עוף, און טראץ וואס מ׳האט געלייגט אן אויג אויף אנדערע אריגינעלע עופות, האט די פאקט אז דאס איז ממש די מסורה׳דיגע עוף איבערגעוואויגן די אלע אנדערע אפציעס אויפן טיש, זייענדיג אן עוף וואס כלל ישראל נוצט שוין אירע אייער במשך אלע יארן בכל מקומות מושבותיהן, וואס דאס האט געברענגט אז די עסקנים זאלן זיך אריינלייגן ראשו ורובו, און זען וויאזוי מ׳קען יא אהערשטעלן דעם לעגהארן ס׳זאל קענען באדינען דעם ברייטן ציבור.

נאך פילע פארשונגען און חקירות ודרישות וואס די מומחים האבן דורכגעפירט אויף דעם עוף, איז מען צוגעקומען אז די גאנצע פראבלעם מיט די לעגהארן עופות וואס מאכט דאס עסן נישט בע׳טעמ׳ט, דאס איז בלויז ביי די ״נקיבות״, נעמליך וויבאלד זיי זענען די וועלכע לייגן די אייער, און דורכדעם ווערן זיי אפגעדינט און אויסגענוצט, וואס ברענגט אז זייער פלייש זאל זיין הארט און נישט אזוי צוגענגליך צום עסן, און די עופות זעלבסט האבן א מאגערע און דארע געשטעל.

דאקעגן די ״זכרים״, זענען דוקא גאר געשמאקע און געזונטע נארהאפטיגע עופות, וועלכע האבן נישט די אלע פראבלעמען וואס מ׳האט געזען ביי די נקיבות, וואס די טעם דערפון איז גאר געשמאק, דאס איז גרינג צו קאכן גענוי ווי אנדערע עופות, און די פלייש דערפון זענען ווייך און בע׳טעמ׳ט צום עסן, וואס שטעלט דאס אהער אלס אן עוף מיט אלע מעלות אין אלע הינזיכטן.

מ׳האט זיך תיכף אריינגעווארפן אין די עבודת הקודש, און אנגעהויבן דורכפירן עקספערימענטן אויף די זכרים פון די לעגהארן, און עס האט זיך תיכף ארויסגעשטעלט דאס וואונדערליכע, אז מ׳רעדט פון א געשמאקע געזונטע עוף, וואס מיט א געזונטע נאטורליכע דייאטע קען מען צושטעלן צענדליגער טויזנטער עופות אויף א טעגליכער פארנעם, צו קענען באדינען דעם ברייטן ציבור, און זאל במשך הזמן קענען דינען אלס א אלגעמיינע עוף וואס זאל ווערן צוגעשטעלט אויף א מאסיווע סופליי, און אידן אומעטום זאלן קענען געניסן פון א מהודר׳דיגע מסורה׳דיגע עוף, וואס אין צוגאב ווערט דאס געהאדעוועט נאטורליך און געזונט, וואס ברענגט מיט זיך מיט פילע זייטיגע געזונט בענעפיטן.

## די גרינדונג פון ״תרנגול פארמס״

די עוסקים במלאכת הקודש האבן זיך תיכף אריינגעלייגט אין די קאמפליצירטע ארבעט, צו קענען געפינען פארעמס אין די אומגעגענט וועלכע זאלן מסכים זיין צו אונטערנעמען דאס האדאווען די טויזנטער עופות אויף א טעגליכע פארנעם, און קענען צושטעלן דעם געברויך. די עסקנים האבן זיך געדרייט אין עטליכע שטאטן ארום ניו יארק, און זיך געוואנדן צו איין פארמער נאכ׳ן צווייטן.

בס״ד נאך פילע זוכענישן האט מען באוויזן צו שליסן א דיעל מיט עטליכע פארמס אין פענסילוועניע, און זיי האבן זיך אונטערגענומען צו האדאווען די עופות אויף דעם געזונטן לעבנס שטייגער, ווי מ׳פלעגט זיי האדעווען במשך אלע דורות.





ס'האט זיך דאן פארמירט א גרופע פון מומחים און בעה"ב, און מיט די הילף פון משקיעים וועלכע האבן א געפיל און הרגש צו קענען צושטעלן מהודר'דיגע מאכלים פאר כלל ישראל, האט מען געגרינדעט דעם פירמע "תרנגול פארמס", וועלכע פארפיגן איבער די לעגהארן עופות פראדוקציע, און זענען מנצח על מלאכת בית ד' דאס צו קענען צושטעלן פאר'ן ברייטן ציבור מדקדקים בכשרות איבער אמעריקא.

## די השגחה פון התאחדות הרבנים

די רבנים הגאו"צ שליט"א חברי בי"ד המיוחד לעניני כשרות פון התאחדות הרבנים, וועלכע באגלייטן דעם ענין פון ווען די רעיון איז נולד געווארן, ועל פיהם ישק כל דבר גדול וקטן, זענען צוערשט אריבערגעפארן צום "העטשערי", וואס דאס איז די פלאץ וואו די אפרוחים ווערן געבוירן, [וואס צענדליגע מיליאנען פון די אייער אין אונזערע געשעפטן קומען פון דארט], און דארט איבערגעגאנגען די גאנצע הלוך ילך, און באזונדער האבן די רבנים באאבאכט די עלטערן פון די נייע געבוירענע עופות.

די רבנים זענען פערזענליך אראפגעפארן צו די אלע פארעמס וואו מ'האדאוועט די עופות, און מ'האט אראפגעשטעלט די היוכע כשרות סטאנדארט וויאזוי עס זאל צוגיין די גאנצע פראצעדור פון האדאווען די עופות, עס זאל זיין אויפן העכסטן כשרות לעוול, צו קענען אהערשטעלן פאר'ן חשוב'ן ציבור צום ערשטן מאל עופות מיט אן השגחה מתחילת היצירה ביז'ן סוף פונעם גידול, אויף די מהודר'דיגסטן שטייגער וואס שייך.

עס איז אראפגעשטעלט געווארן א שטרענגע השגחה אויף די פארעמס, מיט א שטענדיגע אבזערוואציע אויף די הלוך ילך ביי די פארעמס, אלעס זאל געטון ווערן כפי הוראת הרבנים שליט"א.

## כמה מעלות טובות

די מעלות פון די לעגהארן זענען אין עטליכע הינזיכטן, סיי ווען עס קומט צום געזונט חלק איז עס גאר ספעציעל, וויבאלד עס איז "ארגינעל" ווי דער אויבערשטער האט באשאפן וואקסנדיג נאטורליך. עס נעמט עטליכע חדשים ביז עס קומט צו זיין פולער וואוקס, דאס איז אנשטאט די קארגע זעקס וואכן וואס עס נעמט צו וואקסן פאר די אלגעמיינע מאדיפיצירטע פלייש טשיקן פון די ברייטע מארקעט.

אין די אלגעמיינע פארם הייזער, שטעגעלער און וועגעלעך ווערן די סארט געזונטע תרנגולים אנגערופן Slow Growing, וואס אדאנק די פיל געזונטערע לעבנסשטייגער אין די נארמאלע שנעלקייט פון וואקסן וואס זיי האבן, איז די צאל טויט-פעלער וואס מאכן זיך ביים האדאווען וויינעגער מיט ריזיגע פראצענטן ווי ביי די אלגעמיינע ברוילער טשיקן, און דא קומען מיר צום קומענדיגן שטאפל, אז לכבוד דעם דארף מען זיי נישט אנשטאפן מיט אנטיביאטיקס ווייל מען ערווארטעט נישט קיין איינע פון די מחלות און ווירוסעס וואס מאכן זיך ביי די ווילד-שנעל און ריזיג וואקסנדע טשיקנס.

## עופות אן קיין טריפות!

ווי נאר די פראצעדור איז אריין אין קראפט, און מ'האט אנגעהויבן האדאווען די עופות אויף א ברייטן פארנעם, האט זיך ארויסגעשטעלט אז מ'רעדט פון גאר געזונטע און קרעפטיגע עופות, וואס טראץ די צייט פון האדאווען נעמט פילפאכיג לענגער ווי אנדערע עופות וואס ווערן געהאדאוועט מיט טעכנעלאגישע פראצעדורן, האט מען באוויזן נאך די צייט ווילאנג ס'נעמט צו האדאווען נאטורליך, צו אהערשטעלן גיגאנטישע פארם'ס פון שווערע טויזנטער עופות, וועלכע זענען אפגעשיקט געווארן צו די בתי שחיטה.


EST. 2019
TARNEGOL FARMS
718.408.8022
THE ORIGINAL TARNEGOL




טויזענטער עופות געהאדעוועט אונטער די השגחה המהודרת

די נייע עופות האבן געצויגן גרויס אינטערעס ביי די אלע שוחטים אויפן ארט, און מיט שפאנונג האט מען נאכגעקוקט וויאזוי עס שטעלט זיך ארויס די נייע עופות, און טאקע ביז א קורצע צייט זענען אלע געשטאנען איבערראשט, נעמליך פון די פאקט אז פון די טויזנטער עופות וואס מ'האט גע'שחט'ן, האט מען נישט געפינען אפי' איין איינציגער טריפה! א זעלטענע זאך וואס טרעפט זיך גאר זעלטן. נישט קיין טריפות ביי די בני מעיים, און נישט ביי די צומות הגידין, אדער סיי וואו אינעם עוף.

די שוחטים און די רבנים האבן זיך ממש נישט געגלייבט, אבער עס האט זיך ארויסגעשטעלט דאס אומגלויבליכע, אז אין צוגאב צו די פאקט אז דאס איז די מסורה'דיגע און אריגענעלע עוף, איז דאס א עוף וואס האט נישט קיין שום שאלות פון טריפות, און מ'האט נישט געדארפט אוועקווארפן קיין איין איינציגער עוף און מיסט!, אויך להבדיל די דאקטוירים וואס זענען געשטעלט אין די שלאכט הייזער מטעם די רעגירונג, זענען ארויס פון התפעלות און האבן זיך אויסגעדרוקט מיט שטוינונג אז זיי האבן נאך קיינמאל פאר דעם נישט געזען אזא געזונטער טשיקן!

## ויאכלו ענוים וישבעו

די ידיעה איבער די נייע עופות, איז בליץ שנעל פארשפרייט געווארן אומעטום, און האט ארייגעברענגט אחבנ"י אין עקסטאז, און מהיום והלאה וועט זיין די מעגליכקייט צו עסן עופות וועלכע שטעלן פאר מיט זיך אזא הויכע אויסגעהאלטענע כשרות שטאנד, מצד די מסורה, כשרות, און צו דעם קומט צו די פאקט אז דאס איז א גאר געזונטע עוף אן קיין שום אינדזשעקשענס און אנדערע זאכן וואס ווערן אריינגעלייגט אין עופות, נאר איז ממש נאטורליך געוואקסן, געווני ווי מ'פלעגט האדאווען עופות אין אלע דורות.

עס איז טאקע נישט דורך קיין לאנגע צייט, און די נייע עופות האבן זיך אנגעהויבן פארקויפן אין פילע פלייש יאטקעס איבער ניו יארק, און די פארלאנג פון אנדערע פלייש געשעפטן צו ערהאלטן די מהודר'דיגע געזונטע עופות שטייגן טעגליך, און די געשעפטן פרובירן נאכצוקומען די פארלאנגען פון זייערע קונדן זיי זאלן אויך קענען געניסן פון דעם נייעם ערשיינונג, צו קענען צושטעלן פאר די משפחה פלייש וואס טראגט מיט זיך די מאקסימום סטאנדארט פון מסורה, כשרות און געזונט, און צו דעם די געשמאקע טעם וואס דאס פארמאגט.

אין די טעג ארבעטן די עסקנים פונעם פירמע, צו קענען פארברייטערן די סופליי אויף א פילפאכיג ברייטערע פארנעם, צו קענען נאכקומען די פארלאנג וואס שטייגט פון טאג צו טאג, און קענען אהערשטעלן פאר אלע אידן וועלכע ווילן עסן פון די מהודר'דיגע עופות.

ברוך השם עס שטעלט זיך ארויס די געוואלדיגע סייעתא דשמיא, וואס טראץ די כל התחלות קשות, האט מען אבער בס"ד באוויזן אנצוקומען ביז אהער, ולא עזבני חסדיך ד' אלוקינו, און מ'איז מתפלל אז די אויסטערלישע סייעתא דשמיא זאל ווייטער באגלייטן, ובזכות זה זאלן מיר זוכה זיין צו כל הברכות האמורות בתורה.





התאחדות הרבנים דארה"ב וקנדא
CENTRAL RABBINICAL CONGRESS OF THE U.S.A. AND CANADA
Kashrus Division | בי"ד המיוחד לעניני כשרות

תעודת הכשר | KASHRUS CERTIFICATE

הרינו מאשרים בזה שהעופות מהקאמפאני: | THIS IS TO CERTIFY THAT THE CHICKENS OF THE COMPANY:

'TARNEGOL FARMS'

הם מזן הלעגהאר"ן תחת השגחת הרבנים הגאונים הצדיקים שליט"א חברי 'ב"ד המיוחד לעניני כשרות'. | ARE LEGHORN CHICKENS UNDER OUR STRICT RABBINICAL SUPERVISION.

הבעה"ח כ"א אדר א' תשע"ט לפ"ק.
(תוקף התעודה עד אדר תש"פ).
יחיאל יצחק סג"ל גליק
מנהל כללי, וספרא דדיינא

SIGNED: 21ST, DAY OF ADAR I 5779,
FEBRUARY 26TH, '19.
VALID TILL FEBRUARY '20.
RABBI Y. GLICK
RABBINIC ADM.







# כשרות אין די צומער טעג

## הוראות און אנווייזונגען פאר די כשרות המאכלים אין די קעמפס

- נלקטו מתוך סדרת שיעורים שנאמרו על ידי הגאון הגדול רבי הלל וויינבערגער שליט"א אבדק"ק סערדאהעלי ודומ"ץ דק"ק נייטרא - כהכנה לימי הקיץ לפני הממונים בבתי התבשיל ובבתי האפיה שבמחנות הקיץ

**ראשית דבר: עס איז באמת שווער צו זאגן אלע הוראות על רגל אחת. עס איז פיל גרינגער צו רעדן פאר די חשוב'ע משגיחים וואס זייער אומנות איז א גאנץ יאר אין דעם געביט. זיי באקומען חדשים שימוש, און דערנאך גייען זיי ארום א גאנץ יאר משגיח זיין. אזוי ארום זענען זיי אין צוגאב צו זייער יראת השם אויך בקיאים במלאכתם, און מיט די צייט האבן זיי אלע זייערע אייגענע מומחיות אינעם שדה הכשרות. ווידער אין די זומער קעמפס, קומט נישט אויס מען זאל נעמען א משגיח וואס זיין אומנות איז א גאנץ יאר אין דעם געביט. מען נעמט אוודאי א ירא שמים, א תלמיד חכם, אן ערנסטער מענטש פונעם קעמפ, אבער ער האט למעשה נישט די נסיון און מומחיות דערין, ווי א משגיח וואס איז א גאנץ יאר עוסק אין כשרות. דעריבער איז שווער אויסצורעכענען און פארזאגן יעדע איינציגע פרט וואס א משגיח דארף קאנטראלירן און האלטן דערויף אן עינא פקיחא. אבער פטור בלא כלום אי אפשר. דער חשוב'ער ציבור איז דאך געקומען הערן, וועלן מיר פרובירן דורכצוגיין על קצה המזלג, וישמע חכם ויוסיף לקח.**

### קעמפס - די שווערסטע השגחה!

**ווען מיר רעדן פון השגחה געבן אין קעמפס, דארפן מיר קלאר מאכן, אז בדרך כלל איז דאס כמעט די שווערסטע השגחה!** ווייל די מציאות ברענגט דאס זאל אזוי זיין. אין שטאט, איז פארהאן א מיליכיגע רעסטוראנט אויף איין פלאץ, א פליישיגע קעיטערינג אויף א צווייטן פלאץ, דאן איז דא א בעקעריי אויף א דריטן פלאץ. אלעס באזונדער. אבער אין א קעמפ, זענען די אלע דריי זאכן אינאיינעם, ממש אויף איין פלאץ, און די זעלבע גויים ווערן גענוצט אין אלע אפטיילונגען, וואס פונקציאנירן אין די זעלבע צייט. בנוסף צו דעם האט א משגיח אין קעמפ אויך די אחריות פונעם שבת קודש, מיט אלע אירע קאמפליצירטע הלכות התלויין בשערה.

צוליב דעם, פאדערט זיך באזונדערע שטארקע פארזיכטיגקייט, דער השגחה זאל זיין ברביא סגיא, יעדע אפטיילונג זאל זיין בתכלית הכשרות, און האלטן דערויף שטענדיגע אפענע אויגן. און אז מען מיינט עס אמת'דיג, וועט מען האבן אי"ה סייעתא דשמיא. אבער צום ערשט, דארף דער משגיח פארשטיין די הארבקייט פון די ענינים, און וויסן די אחריות וואס מען טראגט.

### שטעלן א משגיח

**עס איז איבריג צו זאגען, אז שטעלן א משגיח אין קאך, איז א תנאי צום כשרות.** נישט קיין חילוק וואס פאר אן ערליכער מענטש דער קעכער איז, דארף נאכאלס זיין געשטעלט א משגיח איבער דעם קאך. מען דארף ממנה זיין א תלמיד חכם, וואס ער זאל זיין דער משגיח. יעדע שאלה וואס קומט אויף, דארף ווערן אויסשליסליך דורכגעשמועסט מיט דעם משגיח.

### דער קעכער'ס אחריות

**דער קעכער דארף שטענדיג געדענקן, אז צושטעלן פאר אידישע קינדער כשר'ע מאכלים און גוטע מאכלים, איז א גרויסע הייליגע ארבעט.** ער איז אחראי אויף די עסן וואס אידישע קינדער נעמען אריין אין מויל. ממילא איז וויכטיג אז דער קעכער זאל וויסן דאס אחריות וואס ליגט אויף אים, ווי ווייט ער דארף נזהר זיין, עס זאל ח"ו נישט ארויסקומען קיין מכשול מתחת ידו. אז דער קעכער וועט דאס געדענקן, וועט ער שוין ממילא מקבל זיין מיט צופרידנהייט יעדע הערה וואס דער משגיח זאגט איהם. אדרבה, ער וועט זיך באדאנקן, א יישר כח זאגן, ווייל ער פארשטייט אז דער משגיח וויל נאר באווארענען אז אלעס זיין אויסגעהאלטן כדת וכדין. מען דארף מכיר טובה זיין דעם משגיח, און נישט חס ושלום דאס פארקערטע.

### שליסל פונעם קאך

**די שליסל פון קאך טאר נישט זיין אין די הענט פונעם גוי חס ושלום. ווייל הלכה'דיג האבן גוים נישט קיין נאמנות, אפילו נישט לחומרא.** ווען א גוי זאגט עפעס, אפילו ער זאגט א חומרא - למשל: אז די שטיקל חלה וואס מ'האט מפריש געווען איז צוריק אריינגעפאלן און זיך אויסגעמישט מיטן גרויסן טייג - איז ער אויך נישט באגלייבט. על פי דיני התורה האט נישט א גוי קיין שום נאמנות. ממילא איז

## ווידער אין די צומער קעמפס, קומט נישט אויס מען זאל נעמען א משגיח וואס זיין אומנות איז א גאנץ יאר אין דעם געביט. מען נעמט אוודאי א ירא שמים, א תלמיד חכם, און ערנסטער מענטש פונעם קעמפ, אבער ער האט למעשה נישט די נסיון און אומחיות דערין,

פשוט, אז אויב מען לאזט דעם שליסל פון קאך אין די הענט פון א גוי, מיינט דאס אז דער קאך איז הפקר, עס ליגט אין די הענט פון איינער וואס האט נישט קיין שום נאמנות! און דער קאך האט נישט קיין שום השגחה!

עס זעהט זיך אויס ווי א גרינגע זאך, אבער אין פאקט איז דאס א שטיקל נסיון. דער סדר איז, אז דער קעכער קאכט דאס עסן, אבער די גוים מאכן איהם גרייט אלעס פון פאראויס. זיי נעמען ארויס די רויע פראדוקטן, זיי שיילן, זיי שניידן, זיי לייגען אלעס אריין אין די טעפ. ממילא וואלט געווען א גרויסע ריוח פארן קעכער, אז דער גוי האט דעם שליסל און ער קומט אריין אינדערפרי פאר איהם. ער וועט אוודאי נישט לאזן דעם גוי קאכן, נאר טוען אנדערע זאכן, אבער אזוי קען ער דאווענען, עפעס לערנען, און האבן אביסל צייט פאר זיך. ממילא דארף דער משגיח לייגן א גרויסן דגוש, אז נאר דער קעכער זאל האבן די שליסל פון קאך. ער זאל עפענען אינדערפרי, און ער זאל דאס שליסן ביינאכט, כדי די קאך זאל קיינמאל נישט בלייבן אן די אויפזוכט פון א איד.

### מילכיגס און פליישיגס

**די מיליכיגע קאך און די פליישיגע קאך דארפן זיין גוט אפגעטיילט**, דאס הייסט אז אפילו ביידע קיכן זענען זייט ביי זייט, זאל מען אין יעדע קאך האבן אינגרידיענטס, ווי: צוקער, זאלץ, ספייסעס, באזונדער פאר מילכיגס, און באזונדער פאר פליישיגס.

אלע כלים, שיסלען, פלעסטיק באקעטס, און אזוי ווייטער, וואס מען האט אין קאך דארפן זיין קלאר אנגעצייכנט צו דאס געהערט פאר מילכיגס אדער פליישיגס, אז יעדער ארבייטער אין קאך זאל דאס גרינג באמערקן. די מיליכיגע כלים און די פליישיגע כלים דארפן געהאלטן ווערן אינגאנצן באזונדער, סיי זויבערע און זיכער די נישט זויבערע.

יעדער ארבייטער וואס גייט פון איין קאך צו די אנדערע, אפילו די הענט זענען זויבער, דארף זיך אפוואשן און אפווישן די הענט.

דער משגיח דארף זיכער מאכן אז אין די פרידזשעדער'ס און פריזער'ס, איז מיליכיגס און פליישיגס גוט אפגעטיילט. אויב דארף מען למשל נוצן דעם מיליכיגע פרידזשידער אויף פאר פליישיגס, דארף דעם משגיח מסדר זיין ווי אזוי די פליישיגס וועט דארט געהאלטן ווערן, כדי דאס זאל זיין שטארק אפגעטיילט פון די מיליכיגס.

### בישול עכו"ם

**די פייער דארף ווערן אנגעצינדן נאר דורך א איד אליין,** נישט דורך א גוי. דאס איז א דבר פשוט, אבער דער קעכער דארף אין אכט נעמען אז ער טראגט די אחריות אויף דעם, ווייל אין פאל וואס דער גוי צינדט אפילו נאר איינמאל א פייער, קען זיך דאס גרעניצן מיט בישול עכו"ם, וואס דאס אסר'ט סיי דאס מאכל און סיי די כלים וואס מען האט גענוצט צו קאכן דעם מאכל.

יעצט, איינמאל דער איד האט אנגעצינדן די פייער, סיי די גאז-רענדזש און סיי די אויוון (היות מיר גייען לויטן רמ"א) איז דאס גוט אויף א גאנצן טאג. אפילו מען נעמט אראפ זאכן און מען לייגט ארויף נייע זאכן, ווילאנג דאס פייער איז די ערשטע פייער וואס דער איד האט אנגעצינדן אינדערפרי, איז אלעס בישול ישראל. נאך מער, אפילו דער גוי רוקט ארויף אדער אראפ דעם פייער אדער די טעמפעראטור פונעם אויוון, ווילאנג די פייער וואס דער איד האט אנגעצינדן האט זיך נאכנישט אויסגעלאשן, איז אלעס בישול ישראל. די גוים אין קאך דארפן זיין שטרענג אנגעזאגט, אז אין א פאל א פייער פארלעשט זיך, דארף ער רופן דער איד זאל דאס קומען אנצינדן.

**ביי אן אויוון, וואס ביים עפענען די טיר גייט די היץ אראפ, און ווען מען מאכט עס צוריק צו, גייט די היץ ארויף, איז דא דערביי א שאלה פון חשש בישול עכו"ם,** ווייל ביים עפענען קען די היץ פאלן זייער שטארק, איבערהויפט אז עס איז אפן א לענגערע צייט, און ווען דער גוי וועט צוריק פארמאכן דעם טיר פונעם אויוון, וועט די היץ צוריק ארויפגיין אדאנק דעם גוי.

צו פארמיידן דעם חשש, איז דא דערויף אן עצה, אז א פאכמאן קען מסדר זיין אז אויך ווען מען מאכט אויף דעם טיר, זאל עס נאך אלץ בלייבן ביים הויכן גראד. אבער די עצה האט א חסרון אין די זייט, אז די קאמפאניס מאכן דאך אזוי די אויוועגעס מיט זייערע סעיפטי-חשבונות, און אז מען טוישט דאס אינעם אויוון קען מען פארלירן די גאראנטי. התורה חסה על ממונם של ישראל, דעריבער איז כדאי צו ניצן אן אנדערע עצה.

מען לייגט אריין א 'היטינג עלעמענט', דאס הייסט, מען אינסטאלירט א שטיקל אייזן ביים אויבערשטן טייל פונעם אויבן, און די אייזן איז א עלעקטראנישע זאך וואס ברענט אייביג און האלט זיך ביים זעלבן הויכן גראד. די אויפטוה איז, אז אפילו אין פאל וואס די טעמפערעאטור פונעם אויוון גייט אראפ ווייל מען האט געפענט דעים טיר, וועט אבער די היטינג עלעמענט ווייטער בלייבן ביים הויכן גראד, ממילא וועט דאס העלפן צו דעם חשש בישול עכו"ם אז דער גוי זאל מעגען צומאכן די טיר (אבער חס ושלום זיך צו פארלאזן אויף דעם אז דער גוי זאל מתחלה אנצינדען דעם אויבן, מען רעדט דא נאר לגבי דעם חשש פון בישול עכו"ם וואס געשעהט ביים עפענען די טיר).

### אונטערשרייבן די ארדערס

יעדעס מאל ווען עס קומט אריין אן ארדער, דארף די ארדער ווערן

**אונטערגעשריבן דורך א איד, נאר נאכדעם וואס ער האט באקוקט צו די פראדוקטן וואס זענען געווארן דעליווערד זענען מאושר.** זייער אסאך דיסטריביוטערס פרובירן צו שטיפן די קאמפאני אדער יענע קאמפאני, עס זעהט אויס ווי ביידע קאמפעניס זענען ממש בדומה איינע צו די אנדערע, אבער למעשה איז עס נישט די זעלבע. אפילו דער דיסטריביוטער זאגט אז עס איז די זעלבע זאך נאר מיט אן אנדערע נאמען און דאס גלייכן, דארף מען וויסן אז אויב האט דאס אן אנדערע נאמען, אן אנדערע השגחה, איז דאס צוליב א סיבה. דער משגיח דארף מאכן א קלארע רשימה וואס עס איז יא מאושר און וואס עס איז נישט, און נאר דאס זאל מען אריינלאזן.

איינמאל די פראדוקטן קומען אריין אינעם סטאָ"ק רו"ם, איז זייער שווער צו קענען קאנטראלירן אז דאס זאל נישט גענוצט ווערן אין קאך. די איינציגסטע וועג צו האבן א קאנטראל דערויף איז, אז ווען דער איד סיינט אויף די ארדערס, ווייסט ער פונקטליך וואס איז מאושר צו ניצן און וואס נישט, און אז ער וועט נישט איבערנעמען קיין שום פראדוקט וואס איז נישט מאושר.

באזונדער זאל מען האבן אפענע אויגן, אז די קעסטלעך, באטלעך און פעקלעך זענען געהעריג פארמאכט. איבערהויפט דארף מען נזהר זיין ביי אזעלכע פראדוקטן וואס דארפן האבן חותמות, אז אלעס זאלן זיין פארזיגעלט כדת וכדין.

## א סטאנדארט אין כשרות

**די כשרות פונעם קאך דארף זיין די זעלבע אויף אלעס וואס קומט ארויס פון דעם קאך. דאס הייסט, נישט נאר ווען מען קאכט פארן מוסד, נאר אויך אז מען וועט צושטעלן עסן פאר א פריוואטע זייטיגע זאך, זאל דאס זיין מיט דעם זעלבן סטאנדארט אין כשרות.** אפט מאל וועט דער קעכער אננעמען צו קאכן פאר א פריוואטע שמחה, אבער היות ער שטעלט דאס צו אינעם קאך פונעם קעמפ, דארף ער זיך האלטן צו די הוראות וואס זענען אוועקגעשטעלט דורכ'ן משגיח, און ער קען נישט אריינברענגען קיין אייגענע אינגרידיענט'ס און דאס גלייכן. עס איז זייער א פשוט'ע און פארשטענדליכע זאך, אבער עס איז א וויכטיגע נקודה אויסצושמועסן, כדי דער משגיח זאל געדענקן צו האלטן א קאנטראל דערויף.

## אזעלכע וואס מען שיקט ווייטער

**אז מען שיקט ארויס עסן פון קאך, פון איין פלאץ צו אן אנדערע, און מען שיקט עס ווייטער דורך א גוי, מוז עס זיין אפגעזיגלט. אזוי אויך איז גלייך, אז דאס עסן זאל אייביג געשיקט ווערן אין דיספאזעבעל בעקעלעך,** און נישט אין קיין טעצער און טעפ וואס וועלן דארפן צוריקגעשיקט ווערן. ווייל ווען מען שיקט אזעלכע כלים וואס דארפן צוריקגעשיקט ווערן, קען אויסקומען אז מען זאל אויסמישן מילכיגע כלים מיט פליישיגע כלים שמוציגערהייט, וואס ברענגט מיט זיך פילע שאלות און חששות אויף די כלים.

## זהירות פון תולעים

**עס איז וויכטיג אז מען זאל באקוקן די סחורה וואס קומען פון ארדער"ס, אז זיי זענען פרישע סחורה, ווייל דאן האבן זיי נישט בדרך כלל די פראבלעם פון ווערים.** דאס איז גאר וויכטיג ביי אזעלכע פראדוקטן ווי: מעהל, ספייסעס, זופ מיקס, קראמבס, וכדומה, וואס אויב באקומט מען פון דער דיסטריביוטער אלטע סחורה, האט דאס אויך זיך חששות פון ווערים.

עס וועט זיין א תועלת אז דער תלמיד חכם וואס איז דער משגיח אין קאך פונעם קעמפ, זאל זיך לערנען ווי צו לייענען די קאוד'ס אויף די פראדוקטן, וואס דערמיט קען מען אינדענטיפיצירן די טאג ווען דאס איז פראדוצירט געווארן. למשל, יעדע קאמערשאל זאק מעהל, דארף געזעצליך האבן א קאוד נומער, וואס פון דעם זאל מען קענען וויסן ווען דאס איז געווארן געמאלן און געפאקט. [א קאוד לייענט זיך פון לינקס אויף רעכטס, און עס הייבט זיך מיט פינף נומערן. לדוגמא עס שטייט 19082, לייענט זיך אפ ווי פאלגענד: די ערשטע צוויי נומערן "19" באדייט די יאר למספרם 2019, די ווייטערדיגע דריי נומערן "082" באדייט אז דאס פראדוצירט געווארן מארט"ש 23, וואס דאס איז די 82'סטן טאג פונעם גוי'שן קאלענדער יאר. ווייטער וועט שטיין באזונדער נאך עטליכע נומערן, וואס דאס באדייט די זייגער אין טאג.] דער דיסטריביוטער וועט אייביג זאגען אז ער שיקט פרישע סחורה, אבער אז מען ווייסט ווי אזוי אפצולייענען א קאוד, קען מען איהם איבערצייגען אויב עס איז אמאל אריינגעפאלן אלטע סחורה.




**כדי די פראדוקטן זאלן נישט ווערן ווערימיג, דארף די סטאק-רום אייביג זיין ריין און האבן א קילע קלימאט.** די ערשטע יסוד צו פארמיידן ווערים, איז דאס ריינקייט פונעם פלאץ. וועגן דעם דארף דער משגיח אויך זיך אומקוקן אויף די ריינקייט פונעם קאך און אלע כלים פונעם קאך. נקיות איז א וויכטיגע יסוד און תנאי צו כשרות בכלל, און צו זהירות פון תולעים בפרט.

א ווארימע קלימאט ברענגט אז די פראדוקט זאל שנעלער ווערן ווערימיג. א סטאק-רום דארף שטענדיג זיין קיל און טריקן. דאס בעסטע איז אז מען זאל דארט האבן אן עיר-קאנדישאן, אדער כאטש א גרויסן פען, וואס דאס ציעט ארויס די נאסקייט וואס הערשט אין די הייסע זומער טעג.

**ווי אויך דארף מען האלטן אן אויג אז די סחורה זאלן שנעל אויסגיין.** דאס מיינט, אז מען זאל נישט באשטעלן צו פיל אויף איינמאל, ווייל אפילו אז מען באקומט פרישע סחורה פונעם דיסטריביוטער, וועט מען אבער אין קעמפ האבן סחורה

וואס איז דארט אלט געווארן. ווי אויך זאל מען זיכער מאכן, אז די נייע סחורה ווערן געלייגט פון אונטן, און די סחורה וואס מען האט פונעם פריערדיגע שיפמענט, זאל זיין פון פארנט, כדי דאס זאל ערשט אויסגיין. (אנהייב זומער איז ספעציעל וויכטיג, זיכער צו מאכן אז עס איז נישט דא קיין שיריים פון לעצטע יאר, נאר אז מען הייבט אהן די זומער נאר מיט פרישע סחורה.)

**אבער עס זענען פאראן פראדוקטן וואס זענען אינעם כלל פון 'דברים הצריכים בדיקה', דאס הייסט אז אפילו ווען מען באקומט עס פרישערהייט, האט דאס שוין אויך חששות פון ווערים, וואס אן קיין בדיקה טאר מען דאס נישט עסן.** אזוי ווי מען דארף א גרויסע מומחיות צו מאכן די בדיקות תולעים, איז ראטזאם אז אזעלכע סארט פראדוקטן זאל מען איינקויפן נאר פון די וואס האבן א פארלעסליכע השגחה אז זיי זענען ריין פון ווערים. (ווי אויבנדערמאנט איז נישט גענוג צו קוקן אויף די נאמען פונעם קאמפעני, אדער אז דער דיסטריביוטער זאגט אז דאס קומט פון יענע פלאץ, נאר זיכער מאכן אז די פראדוקט האט טאקע די השגחה וואס מען וויל האבן.)

## הפרשת חלה

**די מצוה פון הפרשת חלה איז דא ביי טייג וואס מען מאכט חלות, ברויט, קאקאש-קעיק און דאס גלייכן - מיט א ברכה, און ביי רינעדיגע טייג, ווי ספאנדזש-קעיק, קאקיס, אייער קיכל און דאס גלייכן - אן א ברכה** (וואס אין א קעמפ האט דאס בדרך כלל די שיעור וואס איז מחויב מיט פרשת חלה).

פון רינענדיגע טייג איז פאראן צוויי וועגן ווי אזוי מען קען מפריש זיין חלה. אדער פארן באקן: מען שעפט ארויס פונעם רינעדיגן טייג און מען באקט דאס אין די זעלבע צייט אין א באזונדערע בעקעלע, און שפעטער איז מען קורא שם אויף דעם "הרי זו חלה". אדער נאכן באקן: מען שניידט אראפ א שטיקל פונעם גרויסן קיכן, און מען איז מפריש חלה.

ווען מען מאכט א טייג צום קאכן אדער צום פרעגלן, ווי למשל דאונאטס אדער קישקע, דארף מען מפריש חלה זיין, אבער אהן א ברכה.

## א ווארט צו די משגיחים

איך וויל זאגן נאך א נקודה פאר די משגיחים: דער פתחי תשובה ברענגט אין יורה דעה (סימן רמב, ס"ק ג), אז ווען עס קומט אן א שאלה צום בעל הוראה, אין א פאל וואס ער קען עס נאכקוקן אינעווייניג, זאל ער אזוי טוהן און עס טאקע נאכקוקן איידער ער ענטפערט. ער ברענגט א תשובת שבות יעקב (חלק שני, סימן סד), אז אויב טוט מען נישט אזוי, הייסט דער בעל הוראה א מורה הלכה בפני רבו. וויל אז מען האט די ספרי הפוסקים וועלכע זענען אונזערע רבי'ס אשר מפיהם אנו חיים, און מען פסק'נט זיך אליין אן נאכקוקן די שאלה אין זייערע ספרים, איז מען א מורה הלכה בפני רבו.

עס איז טאקע אן אינטערסאנטע דערהער, אז דאס זאל זיך גרעניצן מיט א הארבע זאך ווי 'מורה הלכה בפני רבו', אבער על כל פנים מיר זעהן דערפון אז נאכקוקן די הלכה איז זיכער נישט קיין בזיון. אדרבה, פונקט פארקערט, מען איז אסאך חשוב'ער, עס ווייזט מער תלמיד חכם'קייט, עס ווייזט מער אחריות'קייט. מען דארף נישט ענטפערן אויף די מינוט, עס איז אלץ גוט נאכצוקוקן.

איך דערמאן מיר, ווען מ'איז געווען ביים מנחת יצחק זצ"ל זיך פארהערן די הוראה, האט ער צום סוף געזאגט א פאר שיינע זאכן. איינע פון די עיקר זאכן איז געווען אויף די נקודה, און ער האט געזאגט אויף זיך, אז אפילו היינט צו טאג נאך אזוי פיל יארן זיין א מורה הוראה, ווען ער קען נאר, זאגט ער דעם שואל, ווארט א מינוט איך וועל עס נאכקוקן. אפילו די הלכה איז אים קלאר, מישט ער אויף אינעווייניג, צום מחבר אדער פרי מגדים, דרכי תשובה, און ערשט נאכדעם ענטפערט ער. ער איז שטארק געווען רגיל אין דעם, נאכצוקוקן יעדע זאך, מיט דעם גיבט דער אייבערשטער סייעתא דשמיא.

דער משגיח דארף וויסן, אז ווען ער דארף עפעס מעורר זיין אן ענין אין קאך וואס איז נוגע די ארבייטערס פון דעם קאך, זאל ער זיך אייביג באנוצן מיטן כלל פון "דברי חכמים בנחת נשמעין". אפילו אמאל אויף דער מינוט קען נישט יענער דאס מתקן זיין, עס נעמט א טאג צוויי, אלעס לפי הענין, מען דארף אבער וויסן ווי אזוי מען זאגט עס. מען זאל וויסן, אז ווען מען מיינט עס אמתד'יג האט מען סייעתא דשמיא, און מען וועט אי"ה אלעס קענען אויספירן.

דער אייבערשטער זאל העלפן מיר זאלן אלע מצליח זיין יעדער איינער אין זיינע ענינים. מען זאל סייעתא דשמיא, שלא יצא מכשול מתחת ידינו. א כשר'ער זומער, א גוטן זומער, ברוחניות ובגשמיות, מען וועט נאר הערן בשורות טובות, בביאת בן דוד במהרה דידן, אמן.





# געהויבענער "אסיפת הרבנים" אינעם לשכת הביד"צ פון "התאחדות הרבנים דארה"ב וקאנאדא", איבער די נייע מהודר'דיגע "לעגהארן" עופות, בהשתתפות גדולי ישראל פון ארה"ק און חו"ל

א היסטארישע "אסיפת הרבנים" איז פארגעקומען דעם פארלאפענעם ה' פרשת טהרה, ערב שבת הגדול, אינעם לשכת הביד"צ פון התאחדות הרבנים, איז וואו די רבנים הגאונים וצדיקים האבן אינאיינעם דורכגעטון און באגריסט די געוואלדיגע הידורים און מעלות פון די מהודר'דיגע "תרנגול" פלייש - וואס טוט אוועקשטעלן כשרות ומסורת הבשר פאר די ברייטע אידישע מארקעט אויף א הויכן ניווא מיט די בעסטע סטאנדארטן וואס איז שייך, לשביעת לבם פון אידן מדקדקים בכשרות.



ביים 'אסיפת הרבנים' האבן זיך באטייליגט די גדולי רבני ארה"ק, הגאון הגדול רבי ישראל יצחק קאלמאנאוויץ שליט"א בעל 'אהלי ישועה', הגאון הצדיק רבי יהושע ראזנבערגער שליט"א, חבר הבד"ץ עדה החרדית און אבד"ק קרית רמ"א בית שמש, און הגאון המפורסם רבי משה וואלף זארגער שליט"א מח"ס שו"ת וישב משה.



די רבני "בי"ד המיוחד לעניני כשרות שע"י התאחדות הרבנים" ה"ה הגאון הגדול רבי הילל וויינבערגער שליט"א, אבד"ק סערדעהאלי ודומ"ץ ק"ק נייטרא און כ"ק אדמו"ר מגאלאנטא שליט"א. און די גדולי הרבנים פון דאהי, הגה"צ דומ"ץ ור"מ סאטמאר מאנטריאל שליט"א, הגה"צ רבי יקותיאל יהודה פילאפף שליט"א, חבר הבד"ץ קיט"ל סאטמאר, הגה"צ רבי ישראל דוד הארפענעס שליט"א אבד"ק ישראל והזמנים, הרה"ג רבי חיים אהרן אונגאר שליט"א, דומ"ץ קיט"ל סאוט 8, הרה"ג רבי משה נחמי' לעוויטא שליט"א, דומ"ץ באבוב-45 וויליאמסבורג, און נאך חשוב'ע רבנים ומורי הוראה מומחים בכשרות הבשר.

די אסיפה איז געעפנט געווארן דורך סערדאהעלער רב שליט"א, וועלכער האט בנועם דבריו ארויסגעהויבן די גרויסע תועלת און געוואלדיגע מעלה און הידור פון די "תרנגול" פראדוקציע, וואס שטעלט ווירקליך אהער א נייע עפאכע פון דאס בעסטע און ארגינעלסטע כשר פלייש פאר די ברייטע אידישע מארקעט, מיט א געוואלדיגן הידור אין אלע הינזיכטן פון מסורת העופות און זהירות בכשרות הבשר.



א לענגערע צייט האבן די אנוועזענדע רבנים שליט"א דערביי דן געווען איבער די גרויסע מעלות און גאר הויכע און מהודר'דיגע ניווא פון די "תרנגול" פלייש, וואס איז לויט אלע יודעי דבר, רבנים מורי הוראה ומומחים בתחום כשרות הבשר, א וואונדערליכע און שטוינענדע דערגרייכונג אין דעם תחום פון כשרות באגלייט מיט אלע הלכה'דיגע חומרות והידורים עד להפליא.

ווי אויך איז ארויסגעברענגט געווארן דורך די רבנים שליט"א אז בנוסף צו דעם געוואלדיגן הידור במסורת העוף האט די "תרנגול" פלייש א באזונדערע מעלה מיוחדת אז די עופות זענען איינפאך פיל געזונטער און ריינער, און וואקסן אויף א געזונטערע שטייגער, וואס ברענגט פיל וויניגער הלכה'דיגע שאלות.



די רבנים האבן אנגעצייגט אז אין לויף פון די גאנצע פראדוקציע האט מען נאכגעשט געפינען קיין איין ספק טריפה צווישן די צענדליגער טויזנטער עופות וועלכע זענען שוין גע'שחט'ן געווארן, דאס זעלבע זענען די עופות גענצליך ריין פון "צומת הגידין" שאלות, וואס דאס זעלבסט איז א געוואלדיגע הידור עד אין לשער.

די גדולי הרבנים שליט"א האבן צום שלוס געגעבן ברכת קדשם אז דאס זאל מצליח זיין, און אידן בכל אתר ואתר זאלן קענען נהנה זיין פון די נייע מהודר'דיגע "לעגהארן" פלייש וועלכע שטעלט מיט זיך פאר אן אויפגייענדע סימבאל פון דאס בעסטע און דאס בעסטע פאר'ן ברייטן ציבור מבקשי כשרות, ויאכלו ענוים וישבעו.

# שאלות און תשובות

**איבער וויכטיגע כשרות איינגעלעגנהייטן וואס קען נוגע זיין אין די זוממער חדשים**

## דורכאויס די זוממער חדשים אויף די בערג, פארן ארום פארשידענע אייז קריעם טרעקלעך און פארקויפן אייסיס און אייז קריעם אין די קאנטרים, קען מען זיך פארלאזן אויף די טרעקלעך?

דער מציאות האט זיך ארויסגעשטעלט אז א גרויס חלק פון די טראקס וועלכע פארן ארום אין די זוממער קעמפס, האט נישט קיין שום השגחה, אפילו ווען זיי זאגן אז עס האט עפעס אן השגחה מיינען זיי צו זאגן אז זיי נוצן אייז קריעם וואס האט אן השגחה, אבער די טראק זעלבסט האט נישט קיין שום השגחה, און עס איז נישט דא קיין אחריות אז די זאכן וואס ווערט דערויף פארקויפט זענען אויסגעהאלטן, און ווי פארשטענדליך איז דא ביי די אייז קריעם און די כלים הארבע חששות, און עס איז שווער צו געבן אן השגחה אויף א טרעקל וואס פארט ארום ממקום למקום און מען קען עס שווער קאנטראלירן.

די איינציגע טראקס פון וועלכע מ'מעג קויפן, זענען די וועלכע האבן אן השגחה אויפן "טראק", מיט א "תעודת הכשר" פון א פארלעסליכער השגחה. עס איז וויכטיג דאס קלארצושטעלן ביים פארקויפער, אים צו בעטן ער זאל ציילן דעם תעודת הכשר, און זיכער מאכן אז דאס איז טאקע א תעודה פאר דעם ספעציפישן טראק, און די דאטום פונעם תעודה שטימט.

מיר גיבן אן השגחה נאר אויף די אייז קריעם טראק פון די געשעפט FLAVORS וואס פארט נאר אויף פאראויס באשטעלטע פלעצער.

## וואס איז די מצב יעצט ביי קארן, CORN ON THE - COB - זענען זיי ווערימדיג?

סיי די פרישע און סיי די געפרוירענע, זענען זייער ווערים'דיג, און מען זאל עס נישט נוצן גאנצערהייט, עס קען זיין זייער אינפעסטירט מיט טריפס צווישן די קערנדלעך. (געווענליך טרעפט זיך די ווערים אין די גרינע בלעטער, און ווען מ'שיילט אפ די בלעטער, לויפן זיין אריין צווישן די קערעלעך), וואו עס איז אוממעגליך דאס צו באקוקן.

דער איינציגער וועג וויאזוי מ'קען דאס נוצן איז, אויב מ'שניידט אראפ די קערעלעך פונעם









שטעקעלע (אפי' נאכ'ן קאכן), און מ'טיילט זיי אפ איינער פונעם אנדערן, און דערנאך זייעט מען דאס דורך אין א לאקשאן זייער אונטער א שטארקן שטראם וואסער, בשעת מ'שאקלט די זייער.

די קארן אין די קענס מיט א פארלעסליכע השגחה איז ריין פון ווערים ווייל דאס ווערט גוט געוואשן ביי די קאמפאני.

## און וואס טוט זיך מיט בלובערים? איז עס געווארן בעסער?

סיי די פרישע און סיי די געפרוירענע, אפילו די פון א גוטע קוואליטעט, איז אפט ווערים'דיג ביים שפיץ קרוין. אזוי אויך געפינט מען אסאך ווערים (סקעילס) אויף די שאלעכטס פונדרויסן. **דעריבער זאל מען דאס נישט עסן.**

די פאפרוירענע בלובעריס וואס ווערט פארקויפט מיט אונזער השגחה, ווערן געוואשן און באקוקט דורך משגיחים מומחים, און איז נקי מחשש תולעים.

## ווען מען קויפט בעיבי סעלמאן אין די קאנטרי, דארף מען דארטן אויך מקפיד זיין אויף א פארלעסליכע השגחה?

אין די לעצטערע יארן האט זיך ארויסגעשטעלט, אז די בעיבי סעלמאן וואס קומען פון נארוועגיע ווערן אנגעשטעקט מיט "סי לייז" sea lice, און זיי בליבן זייער שטארק צוגעקלעבט אויף די פיש, און אפילו נאך די געווענליכע רייניגן פראצעדור וואס מ'טוט אין די פיש געשעפטן, פארבלייבן די ווערים אויף די פיש.









ביי די געשעפטן אונטער אונזער השגחה זענען מיר מקפיד אז א משגיח זאל איבערקוקן יעדע פיש באזונדער צו פארזיכערן אז עס איז ריין פון ווערים, די חשוב משגיחים לייגן אריין שווערע שעות ארבעט צו בודק זיין יעדע פיש באזונדער, זיכער צו מאכן אז קיין איין ווארים בלייבט נישט צוגעקלעבט.

דעריבער דארף מען נזהר זיין, ווען מען איז אין די קאנטרי, און מען קויפט די בעיבי סעלמאן נישט אינעם זעלבן געשעפט ווי מען קויפט א גאנץ יאר, זיכער צו מאכן אז די געשעפט האט א פארלעסליכע השגחה.

# אה נאוו על ההרים

פאלגענד איז א ליסטע און די אדרעסן פון געשעפטן וועלכע זענען אונטער אונזער השגחה אין די קעטסקיל בערג
און די זומער חדשים, צום באנוץ פון די טויזנטער זומער איינוואוינער וועלכע וועלן בעז"ה וויילן אויף די בערג.

## Fleischmanns

**Fleischmanns Kosher**
• Fleishig Takeout
• Milchig Takeout

1112 main st.
Fleischmanns NY 12430

## Woodridge

**Shlomies Bakery**
13 Green Ave
Woodridge, NY 12789
845-693-5146

## Bloomingburg

**Fish Direct**
5 North Road
Bloomingburg, NY 12721
(845) 253-8040
*All year round

## Fallsburg

**Fallsburg Bagels**
5692 St. Route 42
Fallsburg NY 12733
(845) 436-8731

At: Skopps Supermarket
404 Laurel, Ave
Fallsburg NY 12733
(845) 436-8731

## S Fallsburg

**Black & White Bakery**
At: Landaus Supermarket
3 Railroad Plaza
South Fallsburg NY 12733
(845) 436-8731

**Gombo's Bakery**
5230 Main St. (Rt 42)
South Fallsburg, NY 12779
845-436-4107

**Flavors Ice Cream**
Store & Truck
5206 Main St. (Rt. 42)
South Fallsburg, NY 12779
(845) 352-8670

## Monticello

**Oneg Bakery**
4 Waverly Ave.
Monticello, NY 12701
(845) 791-7048

**Rugelech Bakery**
4437 Route 42
Monticello, NY 12701
845-796-4796

**Natures Delight**
4437 Route 42
Monticello, NY 12701
845-796-0270
*All year round

## Woodbourne

**Gombo's Bakery**
431 Route 52
Woodbourne, NY 12788
845- 693-4476

**Jerusalem II Pizza**
433 Route 52
Woodbourne, NY 12788
845-434-7499

## Liberty

**Save Rite Bakery**
1885 Route 52
Liberty, NY 12754
845-292-1055

**Liberty Kosher Pizza**
1885 Route 52
Libery, NY 12754
845-292-7499

**Liberty Heights Trampoline & Adventure Park**
1939 State Route 52, Unit #3
Libery, NY 12754
845-747-8080

## White Lake

• The Pizza Corner
• Fleishig Take Out

At: Motty's Supermarket
3395 Route 55
White Lake, NY 12786
845-583-4080


**מחלקת הכשרות**
שע"י התאחדות הרבנים דארצות הברית וקנדא

**CENTRAL RABBINICAL CONGRESS**
OF USA AND CANADA

**85 Division Ave.** Brookln, NY 11249

**Tel.** 718.384.6765 **Fax.** 718.486.5574

**מערכת גליון "הכשרות"**

**Tel.** 718.412.8532 **Fax.** 718.486.5574

**Email.** hakashrus@crckashrus.org